# אשי ישראל
# השלם



## אידיש



כ"ח

# ה'קלויז'

כ'האב געזעהן אין ימי מוהרנ"ת (חלק א' מאות ק"ז ולהלן), וויאזוי רבי נתן האט געזעהן אז וואס מער א יאר ס'איז אוועקגעגאנגען פון רבי'נס הסתלקות, איז געווארן דער עולם גרעסער. מ'האט געהאט אן ארט ווי צו דאווענען, אין שטאט האט זיך אויפגעבויעט עפעס א נייע שול, און אז מ'איז געקומען צו גיין אויף ראש השנה האבן זיי געבעטן מען זאל דאווענען אין דער שול, האט מען דארט געדאווענט עטליכע יאר. אלע יאר איז געווארן מער נפשות, האט מען נישט געקענט אריין אין דער שול אריין, האט מען געמוזט דינגען. על כל פנים ס'איז געווארן אלעמאל מער, וואס מער מ'האט גע'רודפ'ט - אלץ מער, אזוי ווי ס'שטייט; 'ובני ישראל פרו וישרצו וירבו ויעצמו במאד מאד', וואס מער מ'האט גע'רודפ'ט. איין נפש אז ס'איז צוגעקומען - איז געווען מער פון דער וועלט, פון טויזנטער, פון טויזנטער. איין מענטש אז ס'איז צוגעקומען צום רבי'ן איז געווען מער - איז געווען א חידוש אין דער

וועלט, איז עס געווען אזעלעכ׳ס... און דער הייליגער רבי האט גענומען זיינע נפשות, אזעלכע נפשות, אזעלכע נפשות וואס זיי זענען געשטאנען אנטקעגן די גאנצע וועלט! דער בעל תפלה, זיי זענען געווען עטליכע מענטשן, די בעל תפלה מיט זיינע עטליכע מענטשן, ׳זיי׳ זענען געווען די וועלט!...

איך האב געהערט פון עטליכע - רבי נפתלי (כהן), רבי שלמה (וועקסלער), רבי נתן בייטלמאכער - - אין די יאר תקצ״ה איז דאך געווען די גרויסע מחלוקת, וואס מ׳איז אויפגעשטאנען חלילה וחס להשמיד להרוג ולאבד. איז געווען אין דעם יאר תקצ״ה, און ס׳האט זיך אזוי געצוין ביז יאר צ״ח, דאס הייסט דריי יאר.

אין צ״ב האט רבי נתן געזעהן וואס א יאר ווערט דער עולם גרעסער, און ס׳איז נישטא ווי צו דאווענען, האט מען אלעמאל געדונגען א גרעסערע פלאץ. און ס׳האט זיך געפונען איינער א גביר, האט ער אפגעגעבן אן ארט א גרויסע, און האט צוגעשטעלט טישן מיט וואסער. על כל פנים, רבי נתן האט געזעהן אז מ׳איז נע ונד - ראש השנה, האט איהם דער אייבערשטער ארייגעגעבן אין הארצ׳ן

ארײַן אַ רצון, אַ שטאַרקן רצון אַז ער זאָל זעהן אויפצושטעלן אַ שול! נו, רבי נתן האָט נישט געהאַט קיין געלט, און ס׳איז געווען זייער ווייט צו קריגן אַזויפיל געלט - קויפן אַ פּלאַץ און אויפשטעלן אַ שול - ווי נעמט מען דאָס?! ס׳איז געווען עטליכע גבירים, אָבער די גבירים; איינס - זיי דאַרפן האָבן אַ זכי׳, און ווידער - ס׳קאָסט אַסאַך געלט, נו אַ גביר אַז ער גיבט אַ שיינע נתינה איז גאַנץ שיין, אָבער אַז ער זאָל אַוועקגיבן אַ חלק פון זיין רכוש אויף אַזאַ שול?! על כל פנים, רבי נתן האָט זיך געשטאַרקט אין דעם, און ער האָט זוכה געווען און ער האָט געקויפט אַ פּלאַץ, און האָט אָנגעהויבן צו בויען, און דער רבונו של עולם האָט צוגעפירט עפּעס נסים למעלה מן הטבע!

אַז ער האָט געקויפט דעם פּלאַץ און האָט אָנגעהויבן צו בויען, ער האָט אַרויפגעשטעלט די עמודים, איז געוואָרן אַ רעש, דאָס איז געווען תקצ״ד. ס׳האָט זיך אָנגעהויבן צ״ב צ״ג צ״ד, און צ״ה האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ מין מחלוקת, צ״ה איז שוין געווען דער שול, ס׳שוין געשטאַנען די שול. אין די עטליכע יאָר וואָס איז געוואָרן צוזאַמגעשטעלט די שול, איז

געוועז ביי די מתנגדים אזעלעכס, ס׳איז געוועז אזעלכע נסים. ווארן די מתנגדים זיי האבן געוואלט רבי נתנ׳ן פארשטיינערן! וואס - ער וויל עפעס מאכן אזא מין זאך?! ראש השנה ביי א ציון?! קומען אויף א ציון?! די התנגדות אויף ברסלב! - - -

*

- - - איי איי איי. איך זעה דעם ימי מוהרנ״ת, ווייזט אויס, ס׳שוין דא א ימי מוהרנ״ת, ס׳שוין דא א ליקוטי תפלות, אבער אז מ׳קוקט נישט צו - איז גארנישט, מ׳מיינט אז ס׳איז עפעס סיפורים, וואס דארף איך אזוי נייטיג?! א סיפור?! אז ס׳קומט צו גיין צו א ימי מוהרנ״ת, און מ׳קאן אדורך גיין אזוי ווי א סיפור, ס׳געוועז א שול, ענג, ס׳דאך א סיפור! - ניין!! דאס איז עפעס וואס טוהט זיך ביים רבי׳נס ענינים, דאס איז גאר עפעס אנדערש, ס׳איז עפעס אזעלעכס, אזעלעכס.

דער אייבערשטער האט אויף אונז רחמנות געהאט און ער האט געגעבן דעם הייליגן רבי׳ן אזא תלמיד ׳רבי נתן׳, אלע תלמידים - אבער אזא רבי נתן דאס איז עולה על כולם, עולה על כולם! אזעלעכ׳ס.

* * *